בלומינג גראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינג גראָוו' והגלילות
אדר תשפ"ג
United Jewish Community of Blooming Grove Est. 2019

## בלומינג גראָוו אַנטפאַנגט מיט אויסטערלישע פרייד די ערעפענונג פון פּרעכטיגע "מינטליעף" סופּערמאַרקעט; ערשטע היימישע צענטער אין שטאָט

mintleaf Kosher Market

זייט 4

## ליסטע פון אמטירנדע היימישע קאַנדידאַטן אָפּיציעל אַריינגעטראָגן צום "באָורד אָוו עלעקשאָנס" אין בעפאָרשטייאונג צו 'ווילעדזש טראָסטי וואַלן' דעם קומענדיגן מאָנאַט

זייט 3

## פולקאָם פאַרענדיגט ענדגילטיגע שטאַפּל פון אינסטאַלירן "טראַפיק לייט" סיגנאַל ביי צענטראַלע "מאַונטען - 208" אינטערסעקשאָן

זייט 9

## הרחבת גבולי הקדושה: געציילטע חדשים נאך דעם היסטארישן זאונינג טויש:

## עטליכע סובדיוויזשן אפּליקאַציעם זענען פאָרנט פון דעם פּלענינג באָורד פאר 'אריבער הונדערט פרישע דירות' און צוגאָב צו די גרעסערע דעוועלאָפּמענטס!

## ערשטע שפּאָגל נייע שאָטל באָס אָנגעקומען אין ווילעדזש גרעניצן



זייט 17

## כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א ווײַלט אויף שב"ק וארא, מברכים שבט בקרב תלמידי ישיבתו אין דער שטאָט בלומינג גראָוו

זייט 17

## איבער דעם פּראָצעדור צו אינסטאַלירן די וויכטיגע סטריט לייטס אויף אונזערע גאַסן

זייט 10

## איינדרוקספולע איינשווערונג צערעמאָניע פאר קאָנגרעסמאַן 'פּעט רייען' מיט באַטייליגונג פון בלומינג גראָוו פאַרטרעטער

זייט 9

## פראדאקטיווע מיטינג דורך DOT קאָמיטע באַהאַנדלט אַקטועלע אַנגעלעגנהייטן פאר בעסערע און זיכערע ראָודס און סיידוואָלקס

זייט 11


Grab an outing.
Take a break from the daily hustle with a pleasant air-out at our grocery & café.
mintleaf
Kosher Market
Blooming Grove exclusive:
FREE DOOR TO DOOR PICKUP & DELIVERY
Schedule your free pickup from now till Purim!*
*No mimimum purchase | Mon-Thurs | 11-5
Our shuttle is available all other times 9-7 for min. $100 orders
WELCOME
PERK!
HAPPY HOUR
Get a FREE drink Coffee or Slush
mintleaf
Kosher Market
5 Mangin Road, (Cor. Rt. 208) Blooming Grove
845.492.8777 | orders@mintleafkosher.com

# ליסטע פון אמטירנדע היימישע קאַנדידאַטן אָפיציעל אַריינגעטראָגן צום "באָורד אָוו עלעקשאָנס" אין בעפאָרשטייאונג צו 'ווילעדזש טראָסטי וואַלן' דעם קומענדיגן מאָנאַט

דעם פאַרלאָפענעם דינסטאָג משפטים, איז בשעה טובה ומוצלחת און אין אַ מזל'דיגע שעה אַריינגעגעבן געוואָרן, די אָפיציעלע אַפליקאַציעס פאר דער קאַנדידאַטור פון די היימישע שליחי הציבור, די רעפרעזענטאַטן פון די פאַראייניגטע אידישע קהלות דאָ אין שטאָט, וועלכע וועלן בעז"ה יושר'דיג פאַרטרעטן די אינטערעסן פון בלומינג גראוווער איינוואוינער, אַלס טראָסטיס אין דעם ווילעדזש באָורד.

די אַפליקאַציעס זענען פרעזענטירט געוואָרן, שטייענדיג אַצינד עטוואָס מער ווי אַ מאָנאַט בעפאָר דעם קומענדיגן וואל - טאָג אין ווילעדזש, דינסטאג לס' ויקרא, מערץ 21' למספרם, ווען ס'וועט דעצידירט ווערן דער צוקונפט פון אונזער שטאט פירערשאַפט, פאר די קומענדיגע פיר יאָר הבעל"ט.

**אויפ'ן היימישן טיקעט לויפן די צוויי אַלעמען באַליבטע טראָסטיס, אישי הציבור בנאמנות הר"ר לייב ראָזנער הי"ו און הר"ר אשר זאב גוטמאַן הי"ו, וואָס טראָגן שוין ווירקליך אַ גלענצדע רעקאָרד מיט זייערע הערליכע לייסטונגען און דערגרייכונגען דורכאויס די פאַרלאָפענע צוויי יאָר, אין די ראַמען פון דער היימישער ווילעדזש פירערשאַפט, פון וואָס מיר אַלע איינוואוינער געניסן ברוך השם אויף אַ טאָג טעגליכן פאַרנעם.**

איבערהויפט וועט דער קומענדיגער "עלעקשאן טאָג", דעם קומענדיגן מערץ 21' למספרם, זיין דעצידירנד פאר דעם עתיד פון בלומינג גראוו, צוליב דעם וואָס לויט דעם לעצטיגן טויש אין ווילעדזש געזעץ, וועלן די קאַנדידאַטן אריינגעוועלט ווערן אויף אַ טערמין פון פיר יאָר, אַנשטאָט ווי ביז היינט ווען זיי האָבן באַקומען נאר אַ צוויי יאָריגן טערמין. דאָס באַדייט אַז דער אויסגאַנג פון די יעצטיגע וואַלן וועט זיך שפירן אויף די קומענדיגע פיר יאָר, בעזרת השם לטובה ולברכה פאר יעדן יחיד און פארן קאלעקטיוון ציבור פון תושבי עירינו המעטירה.

מען שטייט אַצינד אין אַ תקופה וואָס אויפ'ן ווילעדזש באָורד טישל איז ב"ה פאַרהאַן אַ פולע אַגענדע, מיט אַ ברייטע וויזיע לטובת הציבור ולטובתו פון יעדן איינציגן איינוואוינער אין שטאָט. עס פאָדערט זיך בלויז אַז תושבי העיר זאלן נאָכאַמאָל אַרויסצייגן זייער פאַראייניגטע כח היחיד והרבים, וואָס האָט שוין אויפגעטון אַזויפיל אין דעם עבר, און וועט בעז"ה ווייטער צייגן רעזולטאַטן אינעם קורץ און לאנג-טערמיניגן עתיד לשם ולתפארת ולתהלה.

מיט אָט דער אַנטוויקלונג שפאַנט מען אַצינד פאָראויס מיט'ן רעכטן פיס צו די קומענדיגע וואַלן, ווען תושבי העיר בהמוניהם גרייטן זיך צו אַרויסברענגען יעדע איינציגע שטימע, באַגלייט מיט אַ תפלה צו השי"ת: "היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל".

פאָלגט נאָך ווייטערדיגע אַנטוויקלונגען און דעטאַלן אַרום די וויכטיגע עלעקשאָנס, אין די קומענדיגע טעג.

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**

וְהָאָרֶץ הִנֵּה רַחֲבַת יָדַיִם לִפְנֵיכֶם שְׁבוּ וּסְחָרוּהָ וְהֵאָחֲזוּ בָּהּ:

# בלומינג גראָוו אַנטפאַנגט מיט אויסטערלישע פרייד די ערעפענונג פון פרעכטיגע "מינטליעף" סופערמאַרקעט;

## ערשטע היימישע צענטער אין שטאָט

mintleaf
Kosher Market

היסטאָריע איז געשאַפן געוואָרן אין בלומינג גראָוו, דעם פארלאפענעם דינסטאָג, יום ג' שנכפל בו כי טוב, פרשת יתרו העעל"ט, ווען אין אַ מזל'דיגע שעה האָבן זיך ברייט ערעפענט די טויערן פון דעם סאַמע - ערשטן סופערמאַרקעט אין דער שטאָט, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט איבערגיסנדע כוואַליעס פון שמחה ביי די הונדערטער קינדער געבענטשטע פאַמיליעס, תושבי עירינו המעטירה.

### אַ אידישע שטאָט אָן קיין גראָסערי...

דער טערמין "אַ גראָסערי אין אַ היימישע געגנט" הערט זיך אייגנטליך ווי אַ געוועגליכע ערשיינונג וואָס איז גאָר קיין חידוש נישט, אָבער אידן אין בלומינג גראָוו ווייסן זייער גוט צו שעצן די באַדייט דערפון... שוין יאָרן לאַנג קוקן מיר, תושבי העיר, אַרויס אויף דעם טרוים, דעם חלום פון פאַרמאָגן אַ לאָקאַלע גראָסערי דאָ ביי אונז אין דער שטאָט, להחיות בהם נפש כל חי.









לאָקאַלע איינוואוינער האָבן זיך אַסאַך געמוטשעט דורכאויס די אַלע יארן, ווען יעדע גראָסערי פּראָדוקט וואָס מען האָט געדאַרפט וויכטיג האָבן, אפילו אַזאַ קלייניגקייט ווי אַ פלעשל מילך א.ד.ג. האָט געמיינט אַ 'טריפּ' אַריין אין דער 'ישיבת כרכים קשה' פון קרית יואל, וואָס האָט דאָס געדויערט מינימום צען מינוט אַ וועג, שוין אָן קיין טראַפיק... ווען רעדט נאָך ווען מען האָט זיך דערזען אין די אָוונט שטונדן אָדער אין די שפּעטע ערב שב"ק שעות בעפאָר דעם זמן אָן געוויסע וויכטיגע פּראָדוקטן, האָט דאָס באַדייט עגמת נפש, נישט האָבנדיג צו דער האַנט קיין געשעפט וואו צו איינקויפן די נויטיגע זאַכן.

דאָס איז אין צוגאָב צו די קאָסטן פון טעקסיס און גאַז, און די שעות פון איבעריגע צייט וואָס מען האָט פאַרשפּילט אויף די וועגן צו איינהאַנדלן איינפאַכע טאָג - טעגליכע געברויכן. מען וואַרט שוין אַזוי לאַנג מיט האָפענונג און ערוואַרטונג אויף דעם טאָג ווען מען האָט האָבן אַן אייגענע היימישע סופּערמאַרקעט וואָס זאָל סערווירן די איינוואוינער צוגענליך און לאָקאַל.

## דער כח האחדות ועסקנות ברענגט די געבענטשטע רעזולטאַטן

ווילאַנג דער ווילעדזש איז געפירט געוואָרן דורך אַ פּיינטליכע ווירטשאַפט איז אינגאַנצן נישט געווען קיין רעדע פון אַזאַ זאַך. ס'איז געווען זעלבסט פאַרשטענדליך אַז סיי וועלכע אידישע געשעפט אָדער סערוויס וועט נישט ווערן טאָלערירט דורך די געוועזענע באַהערדע. אָבער אויך נאָכדעם וואָס דער כח האחדות פון בלומינג גראָוו האָט אַזוי נאָבל געזיגט און אַריינגעברענגט אַ פרישע סימפּאַטישע אַדמיניסטראַציע האָט מען זיך אָנגעשטויסן אין נישט ווייניג שטרויכלונגען דורך די טרויעריג באַרימטע העצער וואָס האָבן געטון אַלעס אין זייער דיספּאָזיציע צו שטערן די עטאבעלירונג פון אַזאַ סופּערמאַרקעט.

דאָס האָט מען מיטגעהאַלטן באלד נאָכדעם וואָס די אייגנטומער האָבן אָפּגעקויפט דעם שטח ביים ווינקל פון מענגין רד. דאָרט צו אַהערשטעלן דעם פּרעכטיגן סופּערמאַרקעט, האָבן די העסליכע עלעמענטן באַלד אָנגעהויבן אַ העצע אין די מידיאַ אַז אויף דעם פּראַפּערטי זיצט אַן אַלטע הויז וואָס איז אַ טייל פון די היסטאָריע אין בלומינג גראָוו, וואָס דעריבער ברויך דאָס פּרעזערווירט ווערן און מען טאָר דאָס נישט אַראָפּוואַרפן...

דאָס האָט נאָכגעפאָלגט אויך שפּעטער דורכאויס די גאַנצע צייט, ווען ס'איז אונטערגעשטעלט געוואָרן פּיסלעך אויף





טריט און שריט, און די רעגירונג אַגענטורן זענען אַלאַרמירט געוואָרן איינמאָל און נאָכאַמאָל, מיט איין ציל, צו שטערן דעם וואוקס פון דער אידישער שטאָט פאר יעדן פרייז.

אָבער ברוך המקום שמסר עולמו לשומרים! במשך די תקופה זענען עס געווען די געטרייע שליחי הציבור, די היימישע פאַרטרעטער אינעם ווילעדזש און די געהילפן צום מעיאָר, וועלכע זענען געשטאַנען אויף׳ן פראָנט מיט אַן איבערמידליכע געטריישאַפט, צו פאַרזיכערן אַז בלומינג גראָווער אידן וועלן נישט באַקריוודעט מיט זינלאָזע מסירות און אָנקלאַגעס. אומצאָליגע שעות און ענדלאָזע כוחות איז פאַרנוצט געוואָרן צו באַגלייטן דעם פּראָיעקט, מהחל ועד כלה, צו פאַרשטילן די העצער און צו אַרבעטן אינאיינעם מיט די רעגירונג אינסטאַנצן צו אָנצייגן און פאַרזיכערן אַז אַלעס ווערט געבויעט הונדערט פּראָצענט לעגאַל און געזעצליך.

## זה היום עשה ה׳ נגילה; די פריידיגע חנוכת הבית

שוין לאַנגע וואָכן וואָס תושבי העיר האַלטן מיט פון דער נאָענט די בוי - אַרבעט, ווען דורכרייזנדיג דעם מענגין גאס האָט מען מיט אַן ערוואַרטונג באַטראַכטן די גאַלאָפּירנדע פּאָרשריט, וויאַזוי פון אַ ליידיגן שטח וואַקסט אַרויס אַזאַ פּרעכטיגן צענטער וואָס האָט זיך גערוקט פּאָראויס ממש טאָג טעגליך מיט אַ שנעלן אימפּעט, און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס דער געשפּרעך ביי אַלעמען, יונג און אַלט, וואָס האָבן באַגלייט די אַנטוויקלונגען מיט אויסנאַמליכע עקסטאַז.

ווי גרויס איז דעריבער געווען די פרייד ווען ס׳איז אָנגעקומען דער אַזוי לאַנג - ערוואַרטעטער טאָג, דינסטאָג יום שנכפל בו כי טוב יתרו, ווען דאָס אומגלויבליכע האָט פּאַסירט, די גיגאַנטישע און הערליכע ״מינטליעף״ סופּערמאַרקעט האָט געעפענט אירע טויערן מיט אַזאַ פּראַכט און רחבות.

במשך אַלע שעות פון דעם טאָג, און אויך די קומענדיגע טעג, האָט די ריזיגע ״מינטליעף״ סופּערמאַרקעט און די גאַסן אַרום איינפאַך געווירבלט און געזשומעט מיט דעם געווירבל פון תושבי העיר, וועלכע זענען זיך געקומען מיטפרייען מיט דער חנוכת הבית און געניסן פון די הויכע סערוויס און אויסוואַל וואָס דער געשעפט טוט פּרעזענטירן.

אונזער שטאָט געדענקט שוין לאַנג נישט אַזאַ סאָרט יום טוב׳דיגע שטימונג. מען האָט געזען מענטשן דרייען זיך אַרום צווישן די גראָסערי ׳איילס׳ מיט אַ שמייכל אויף׳ן געזיכט. ס׳איז געווען אויף אַלעמען אויסגעגאָסן אַ קענטיגע הנאה און צופרידנהייט. עלטערן האָבן געברענגט זייערע קינדער צו זען דעם וואונדער... און גאַנצע פאַמיליעס זענען געקומען אינאיינעם מאַכן זייער ״שבת אָרדער״, צום ערשטן מאָל אויף׳ן בלומינג גראָווער באָדן... איבערהויפּט אַז דאָס גאַנצע געשעפט איז איינגערישט אַזוי באַקוועם און רחבות׳דיג.

## אין עוד מלבדו!

עקסטער באַגריסנד איז געווען דער קבלת פנים וואָס וואַרט אַפּ דעם ציבור ווען פאַרנט פון געשעפט אויף אַ פּראָמינענטן מקום לייכט און שיינט אַראָפּ די דריי ווערטער וועלכע זענען שגור בפי כל תושבי עירינו המעטירה און טוען באַגלייטן אונז אַלע איינוואוינער ״בלומינג גראָוו באחדות״ דורכאויס אַלע מצבים לטב ולמוטב: **אין עוד מלבדו!**

## דערהויבענער מסיבת לחיים מיט ראשי העיר

דינסטאָג אין די אָוונט שטונדן איז געפּראַוועט געוואָרן אַ באַשיידענע מסיבת לחיים לרגל דעם חנוכת הבית, מיט דער השתתפות פון הגה״צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט״א רב ביהמ״ד ישמח משה. דער רב שליט״א האָט געטרונקען לחיים און מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ געהויבענעם טאַנץ, אינאיינעם מיט׳ן אייגנטומער הר״ר יואל ראָטה הי״ו, און די געטרייע ראשי העיר, די מיטגלידער פון דעם ווילעדזש, פּלענינג און זאונינג באָורדס, פאַר וועמען ס׳איז בשעת מעשה אויסגעדרוקט געוואָרן אַ טיפע הכרת הטוב פאַר זייער אומגלויבליכע אַרבעט און הילף אַז מען זאָל דערלעבן דעם מאָמענט אין אַ מזל׳דיגע שעה.

## בלומינג גראָוו וואַקסט און בליעט לשם ולתפארת!

די ערעפענונג פון דעם גראַנדיעזן ״מינטליעף״ סופּערמאַרקעט הייבט ווירקליך אן אַ שפּאָגל נייע עפּאָכע אין דער עיר

ואם בישראל בלומינג גראָוו המעטירה. עס האָט אַראָפּגעשטעלט א פרישע געבענטשטע ווענדפּונקט לטובה אין אונזער באַליבטע היימישע שטאט וואָס בויעט זיך לשם ולתפארת, מיט אַלע רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע צרכי ציבור לשם ולתפארת. "הָלוֹךְ וְגָדֵל עַד כִּי גָדַל מְאֹד"! הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו!

פון אַלע זייטן הערט מען ווירקליך פּריינטליכע באַגריסונגען פון צופרידענע איינוואוינער און קליענטן וואָס קענען נישט גענוג אויסדרוקן זייער באַגייסטערונג פון דעם 'שאַפּינג ערפאַרונג' אין דעם שפּאָגל נייעם צענטער, וואו ס'איז במשך די וואָך אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ רייע פון ווערטפולע געשאנקען און גאָר צוגעגליכע "ספעשלס" אויף אַ צאָל פּראָדוקטן, לכבוד די ערעפענונג פונעם סופּערמאַרקעט.

איבערהויפּט ווערט באַגריסט דער פאַקט אַז די הערליכע סופּערמאַרקעט איז געבויעט און אַהערגעשטעלט געוואָרן נוצנדיג היימישע סופּלייער און פירמעס, און אויך אַצינד איז דאָס אַ קוואַל פון פּרנסה פאר היימישע אינגעלייט וועלכע באַדינען די קאָסטומער מיט אַ גאָלדענע סערוויס. וואָס איז אַ


חברה שוב"ע
ע'ונג ש'בת ו'יו"ט ב'לומינג-גראָוו
מזמור שיר חנכת הבית!
אינאיינעם מיט אלע
הונדערטער איינוואוינער פון אונזער
באַליבטע שטאט, בלומינג-גראוו, איז אונז אַ זכי' צו באַגריסן
מיט אַ הערצליכן ברוכים הבאים און ברכת מזל טוב, אל מעלת כבוד
האי איש החסד, לב טוב וזהב, אהוב נערץ וחביב בפי כל,
ידידינו עוז, וידיד כל תושבי עירינו
הר"ר **יואל ראָטה** הי"ו
צו דער ערעפענונג פון זיין שפּאָגל- נייע, הערליך – פּרעכטיגע און גיגאַנטישע
mintleaf
Kosher Market
אין צענטער פון אונזער שטאט, וואָס פאַרשפּרעכט צו אָנהויבן אַ נייע געבענטשטע עפּאָכע פאר תושבי עירינו

להגיד לאדם ישרו, ידידינו עוז, הר"ר יואל הי"ו!

**הוא הגבר, איש החסד והמעש!** וואָס שוין עטליכע יאָר טוט ער ערמעגליכן די וועלט באַרימטע רחבות'דיגע "קיופּאָן" פעקעדזשעס, וואָס ווערט פאַרטיילט אין די ערבי ימים טובים, פאר אַלע תושבי העיר, אין צוזאַמענאַרבעט מיט די ראשי והנהלת העיר - אַן ערשיינונג וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין קיין שום אַנדערע אידישע געגנט און ווערט באַוואונדערט אין דער גאַנצער וועלט!

**הוא הגבר, איש החסד והמעש!** וואָס שטייט אונטער די נאָבעלע און באַשיידענע אונטערנעמונג צו פאַרטיילן יעדן וואך ערב שבת קודש פאר תושבי עירינו המעטירה, און לעכטיג מאַכן אידישע שטיבער מיט אַזאַ סבר פנים יפות און הצנע לכת!

וְעַל כֻּלָּם יִתְבָּרֵךְ וְיִתְרוֹמָם!

שטייענדיג אַצינד ביי דעם פריידיגן מאָמענט, ווען די טויערן פון דעם פּרעכטיגן סופּערמאַרקעט וועלן זיך עפענען לרוחה איז הר"ר יואל הי"ו, בלבו הטוב והרחום, אַקעגנגעקומען די עסקני קופּת "שובע"
מיט דער הערליכער נדבת הלב, די פאַנטאַסטישע סומע פון
$20,000
וואָס וועט בעז"ה ספּאָנסערן די ערשטע וואָכן פון דעם גרויסאַרטיגן פּראָגראַם, צו פאַרטיילןברייטהאַרציגע עסן פעקלעך מיט אן הרחבה פאר תושבי העיר מדי שבת בשבתו, מיט'ן גרעסטן דרך כבוד ובהצנע לכת!

אשריכם ואשרי חלקכם, שכרכם הרבה מאוד עד אין לשער!

צו איינשרייבן א פאמיליע אויף די ליסטע פאר שבת פעקלעך בדרך כבוד רופט: 845.276.0366

ידידינו עוז הר"ר יואל שליט"א: זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ: בלומינג-גראָוו וועט אייך אייביג געדענקן אייערע הייליגע פעולות הצדקה והחסד צו לעכטיג מאַכן אידישע שטיבער יעדע וואָך באַזונדער!
בלומינג- גראָוו וועט אייך שטענדיג מכיר טובה זיין פאַר:
אייער הארץ • אייער געפיל • אייער האַרציגע נדבת הלב • אייערע לייסטונגען פאר צדקה וגמילת חסדים וואָס איז אומשאַצבאַר!
מיר וואונטשן אייך מעומק הלב אַ האַרציגן "ברכת צלח ורכב" עס זאָל זיך גיסן די גליקליכע שפע און השפעה אין אייער פּרעכטיג – נייעם סופּערמאַרקעט, מיט ברכות און הצלחה, עושר ואושר, הרחבת הדעת ומנוחת הנפש, אמן!

ווי עס וואונטשן מיט רגש'דיגע געפילן פון הכרת הטוב
**וועד הנהלת לשוב"ע**
אברהם משה הכהן ווייס; דעפּיוטי מעיאָר, יצחק פעלדמאַן; טראָסטי,
שמעון ישראל פּאָזען, אברהם שלום בינער
אין נאָמען פון די הונדערטער תושבי העיר וועלכע געניסן און זענען מלא הכרת הטוב פאר אייערע פעולות לטובה להחיות בהם נפש כל חי

געוואַלדיגע הילף צו בויען און הייבן די לאָקאַלע עקאָנאָמיע, וממנו ילמדו וכן יעשו.

## די ריכטיגע דאנק גייט פאר דעם כח האחדות פון אַלע תושבי העיר צוגלייך!

דורך דעם אייגנטומער, הר"ר יואל ראָטה הי"ו, איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אן אָפיציעלע דאַנק בריוו וואו ער דרוקט אויס זיינע לויב געפילן צו די געטרייע אישי הציבור, די ראשי העיר אינערהאַלב די ווילעדזש באָורדס, וועלכע האָבן אים באַגלייט מיט אן אומבאַשרייבליכע געטריישאַפט פון דער ערשטער מינוט, מיט ענדלאָזע כוחות, צייט, און אַקטיווע שתדלנות לאורך כל הדרך על כל צעד ושעל, זיך שטעלנדיג אויף די פראָנט ליניעס, אַריינצונעמען אַלע סאָרט 'חצים ובליסטראות' און צו אָפּשלאָגן די נאָכאַנאַנדע שטערונגען וואָס איז אונטערגעשטעלט געוואָרן, ביז מען האָט דערגרייכט אַזאַ הצלחה בעזר ה'.

ווי ס'ווערט ריכטיג אָנגעוויזן אין דעם בריוו קומט די ריכטיגע קרעדיט פאר אַלע תושבי העיר צוגלייך. ווייל דאָס איז אַמאָל זיכער אַז די יעצטיגע אַנטוויקלונג איז אַ דירעקטע רעזולטאַט פון דעם הערליכן "כח האחדות" און דעם פאַראייניגטן "כח הציבור", פון אַלע תושבי העיר משפחה ומשפחה, איש וביתו, וועלכע זענען אַרויסגעקומען בהמוניהם יעדעס מאָל ווען ס'האָט זיך געפאָדערט צו דורכפירן גינסטיגע טוישונגען אין די שטאָט ווירטשאַפט. איינמאָל און נאָכאַמאָל האָט מען פאַרשטאַנען דאָס אחריות פאר אונזער אייגענע שטאט; מען האָט מחזק געווען די שליחי הציבור; מען איז געשטאַנען אין די רייעס ביי די שטום בודקעס און מען האָט אונטערגעשריבן די נויטיגע דאָקומענטן ווען אימער עס האָט זיך פאַרלאַנגט. אָט דאָס אַלעס האָט געפירט צו דעם היסטאָרישן אַנטוויקלונג אין אַזאַ רעקאָרד קורצע צייט! בלויז אַדאַנק די געטריישאַפט, די מיטאַרבעט און פאַרשטענדעניש פון יעדן איינוואוינער, מיט דעם הערליכן כח פון אחדות ושלום, כה יתן ה' וכה יוסיף!

## "שוב"ע" באַגריסט הערליכע נדבה למען משפחות תושבי העיר

וכמים פנים אל פנים איז אין די טעג אַרויסגעשטעלט געוואָרן אן אָפיציעלע באַגריסונג דורך די קופּת העיר, די הייליגע "שוב"ע" אָרגאַניזאַציע, **ע**'ונג **ש**'בת ו'יום טוב **ב**'לומינג גראָוו, אונטער די פירערשאַפט פון דער יו. דזשעי. סי. פאראיין, וועלכע באַדאַנקן זיך פאַר'ן אייגנטומער, הר"ר יואל ראָטה הי"ו, וואָס טוט שוין עטליכע יאָר ערמעגליכן די רחבות'דיגע "קיופאַן" פעקעדזשעס, אין די ערבי ימים טובים, פאר אַלע תושבי העיר, און איז אַצינד אַרויף מיט אַ שטאַפּל ווען מיט זיין לב טוב איז ער אַקעגנגעקומען די עסקני הקופה מיט דער הערליכער נדבת הלב, די פאַנטאַסטישע סומע פון 20,000! דאָלער, צו ספּאָנסערן די ערשטע וואָכן פון דעם גרויסאַרטיגן פּראָגראַם, צו פאַרטיילן ברייטהאַרציגע עסן פעקלעך מיט אן הרחבה פאר תושבי העיר מדי שבת בשבתו, מיט'ן גרעסטן דרך כבוד ובהצנע לכת! אשרי חלקו ומה טוב חבלו!





***

## "שוב"ע" גייט אריין אין שוואונג בדחילו ורחימו

ערב שבת קודש משפטים שקלים איז ווירקליך דער נייער "שוב"ע" איניצאטיוו אריין אין גאנג, עס איז געווען אן ערהאבן בילד צו זען ווי דער חשוב'ער דעפיוטי מעיאר כהן שדעתו יפה הרה"ח ר' אברהם משה ווייס הי"ו דער מנהל פון קופת העיר אנקומען אין דעם "מינטליעף" סופערמארקעט אינאיינעם מיט שותפיו לדבר מצוה די חשובע טראסטיס ר' יצחק פעלדמאן הי"ו און ר' לייב ראזנער הי"ו צו זיין די מתחילים במצוה און בטירחא דגופא פאקן די ערשטע שבת פעקלעך לשוב"ע ולא לרזון.

דער דעפיוטי מעיאר ר' אברהם משה האט זיך נישט באגנוגנט נאר מיט דעם נאר הוזיל מעות מכיסו און ער האט אויך אויסגעצאלט די ערשטע שבת פעקלעך אויפן אקאונט להשתתף בגוף ובממון להניח ברכה בתוך עירינו המעטירה!

***

בלומינג גראוווער איינוואוינער וואונטשן ווירקליך מיט'ן גאַנצן האַרץ פאַר'ן אייגנטומער, הר"ר יואל ראָטה הי"ו, אַ ברכת צלח ורכב, כה יתן ה' וכה יוסיף, צו באַגלייט ווערן מיט אַסאַך הצלחה און סייעתא דשמיא אין דער געבענטשטער אונטערנעמונג, בזה השער לא יבא צער, בזאת הדלת לא תבוא בהלה, בזה המקום תהי ברכה ושלום, ובכל אשר יפנה ישכיל ויצליח, והוא ישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו מיט דעם אלעמען באקאנטן אויסדרוק און סלאגאן וואס באַגלייט אונזער שטאט: אין עוד מלבדו, ובשם ה' נעשה ונצליח!

# איינדרוקספולע איינשווערונג צערעמאָניע פאר קאָנגרעסמאַן 'פעט רייען' מיט באַטייליגונג פון בלומינג גראָוו פאַרטרעטער



דעם פאַרלאָפענעם זונטאָג בא העעל"ט, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די אָפיציעלע איינשווערונג צערעמאָניע פאר דעם פריש - ערוויילטן קאָנגרעסמאַן, פעט רייען, וואָס איז ערוועלט געוואָרן מיט אַ שמאָלע מערהייט פאר דעם קאָנגרעס זיץ פון דעם 18'טן דיסטריקט אין ניו יאָרק סטעיט, וואָס נעמט אַריין אונזער שטאט בלומינג גראָוו און איר אומגעגנט.

די צערעמאָניע איז פאָרגעקומען אויף אַן אייגנאַרטיגע פאָרמאַט, אין דעם "אייזנהאוער" זאל אינערהאַלב דעם 'וועסט פוינט' מיליטערישער באַזע דאָ אין ניו יאָרק. דער נייער קאָנגרעסמאַן האָט אויסגעקליבן דאָס אָרט, צוליב דעם וואָס ער איז זעלבסט אַ מיליטערישער וועטעראַן און א גראדואנט פון די וועסט פוינט באזע, וואָס ציעט אַ שטאַרקע רעספּעקט, און ס'איז טאַקע דאָרט אָפּגעראָכטן געוואָרן אַ מיליטערישע סטיל צערעמאָניע מיט'ן ריכטיגן כבוד המלכות.

צו דער איינשווערונגס צערעמאָניע האָט דער קאָנגרעסמאַן רייען פּערזענליך געלאַדנט די באַהערדע פון אונזער שטאט, העסקנים החשובים אישי הציבור, די ווילעדזש טראָסטיס, דער טאַון קאָנסילמאַן, און די ווילעדזש עקזעקיוטיוו טיעם, אויסדרוקנדיג זיין הכרת הטוב און אַנערקענונג אויף דעם וואָס די היימישע בלומינג גראָוו האָט אים געשטיצט דורכאויס די פאַרלאָפענע צוויי פאַרמעסטן צום קאָנגרעס, וואָס האָט פאַקטיש שטאַרק צוגעהאָלפן זיין געווינס, נעמענדיג אין באַטראַכט אַז ער האָט געווינען מיט זייער אַ שמאָלע מערהייט פון קנאַפּע צוויי טויזנט שטימען.

ביי דעם איינדרוקספולן צערעמאָניע האָבן זיך טאַקע באַטייליגט די פאַרטרעטער פון אונזער שטאט, וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרן מיט שעצונג דורך דעם קאָנגרעסמאַן. מען האָט דערביי אויסגענוצט די פּאַסיגע געלעגנהייט צו איבערשמועסן מיט'ן קאָנגרעסמאַן אַ רייע פון וויכטיגע אַנגעלעגנהייטן, איבערהויפּט די פאָנדינג פאר נויטיגע אינפראַסטראַקטור ווי וואַסער, סוער, א.א.וו. דער קאָנגרעסמאַן האָט ווירקליך אַרויסגעצייגט אַ שטאַרקע אינטערעסע און האָט אויפ'ן אָרט פאַראָרדנט זיין 'טשיף אָוו סטעף' צו פאַרזיכערן אַז זאַכן הייבן זיך אָן רוקן אין די ריכטיגע דירעקציע.

גלייכצייטיג האָט מען אויפ'ן אָרט אויך אָנגעקניפּט גוטע באַציאונגען מיט אַנדערע הויכראַנגיגע קאַונטי און סטעיט באַאַמטע, אַריינגערעכנט אייניגע פּראָמינענטע סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט, וועלכע האָבן אַלע אויסגעדרוקט שעצונג און התפעלות וויאַזוי עס בויעט זיך אַ יונגע שטאט, מיט אַזויפיל אחריות און באַזעסנקייט. מען האָט פון אַלעמען צוריקגעהערט פאזיטיווע גריסן און אַ גוטער ווילן צו מיטאַרבעטן מיט די היזיגע ווילעדזש, צו פאַרזיכערן די ווייטערדיגע וואוקס און בליה פון אונזער הערליכער שטאט.

**לב מלכים ושרים ביד ה'.**

דעם פּראָיעקט און אָנהויבן די אינסטאלאציע פון גאַסן לעמפּ בחוצות וברחובות קריה, בשעה טובה ומצלחת!

ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם!

שטימע קאַסטן

בריוו צו דער רעדאַקציע



מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

אין דעם קאָלום ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינג גראָוווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.

אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.

# איבער דעם פּראָצעדור צו אינסטאַלירן די וויכטיגע סטריט לייטס אויף אונזערע גאַסן

אל מע"כ די רעדאַקציע פון דער שטימע הע"י.

מיט אַ צייט צוריק, פּאַראַיאָר זומער, איז געוואָרן געמאָלדן אַז דער היזיגער ווילעדזש האָט ערהאַלטן גרענטס צו אינסטאָלירן סטריט לייטס און עלעקטערישע באַלייכטונגען דורכאויס אַלע אינטערסעקשאָנס פון די אינעווייניגסטע געסלעך אינערהאַלב אַלע דריי געגנטער דאָ אין שטאָט.

למעשה איז שוין אַריבער אַ שיינע עטליכע חדשים און דערווייל זעט מען נישט קיין פּראַגרעס אין דעם הינזיכט. וואָלט איך געוואָלט פרעגן אויב מען קען מיטטיילן וואָס דער אָפּהאַלט איז און וואָס איז טאַקע די סטאַטוס פון דעם פּראָיעקט.

אַ דאַנק פאַר'ן אַריינשטעלן מיין אָנפראַגע און אַ דאַנק למפרע פאַר אייער ענטפער.

(-)

אַנטוואָרט פון דעם ווילעדזש:

ווי איר האָט ריכטיג געשריבן האָט די ווילעדזש טאַקע באַקומען, בחסדי השי"ת און נאָך אַסאַך שתדלנות מיט די פּאַסיגע קשרים, צוויי באַזונדערע גרענטס, פון 75 טויזנט דאָלער יעדע גרענט באַזונדער, וואָס וועט ערמעגליכן צו באַלייכטן די גאַסן דאָ אין שטאָט.

עס האָט זיך אָבער געפאָדערט אַ לענגערע ביוראָקראַטישער פּראָצעדור צו צאַמשטעלןביידע גרענטס, אַז ס'זאָל אָנקומען ווי איין גרויסע פאַראייניגטע גרענט, ווייל אַזוי אַרום האָט מען נישט געדאַרפט ארויספרייזן די אַרבעט צוויי מאָל לויט די פּאָרשריפטן פון די גרענטס. אָט די קאָמפּליצירטע פּאַפּיר ווארק און אַרבעט האָט גענומען עטליכע חדשים ביז ס'איז ב"ה ערגעצט געוואָרן אויפ'ן בעסטן אופן.

דאַן ווי עס איז דער שטייגער ביי סיי וועלכע אַנדערע גרענט גייט אַצינד דער גרענט אַריבער אַ דורכדרינגליכע איבערזיכט, אן 'אודיט', דורך די DASNY קאמיטע, וואָס פאַרפיגט צו געבן זייער אויטאָריטעט אויף די גרענטס פון ניו יאָרק סטעיט. זיי טוען פאַרזיכערן אַז די פּרייזן זענען ריכטיג און קראַנט און דער פּראָדוקט איז טאַקע גוט און אויסגעהאַלטן, הערשט נאָכדעם שענקן זיי זייער ענדגילטיגע עפּראוול צו אינסטאָלירן די סטריט לייטס.

דאָס אַלעס האָט אויפגעהאַלטן דעם פּראָצעדור ביז יעצט. אַצינד האַלט מען שוין ב"ה ביים פיינל שטאַפּל פון דעם 'אודיט', וואָס האָפנטליך נאָכדעם וואָס דאָס וועט זיין פאַרענדיגט על צד היותר טוב, וועט מען קען צוטרעטן צו די פּאַקטישע אַרבעט פון באַשטעלן

* * *

# איבער די 'פּאַטהאָלס' באַהאַנדלונג אויף די ווילעדזש ראָודס

לכבוד די געטרייע ווילעדזש באַהערדע הע"י.

יעצט דורכאויס די ווינטער חדשים מאַכט זיך אָפט אַז די ראָודס ווערן געלעכערט און צעשטערט, בעיקר צוליב די גרויסע קוואַנטומען פון זאַלץ וואָס ווערט אויסגעגאָסן פון דער שניי, וואָס מאַכט אַז ווען גרויסע קאָנסטרוקציע טראָקס און סקול באָסעס פארן דערנאָך אויף די ראָודס באַקומען זיי פילע קרעקס און לעכער.

וואָלט איך געוואָלט ברענגען צו אויפמערקזאַמקייט אַז די ווילעדזש זאל עפּעס טון דערצו, און פאַררעכטן די ראָודס, צו פאַרמיידן שאָדנס פאר די רעדלעך פון קאַרס וועלכע פאָרן דאָ אַרום אין שטאָט.

מיט דאַנק און אַנערקענונג,

**אַ צופרידענער איינוואוינער**

אַנטוואָרט פון דעם ווילעדזש:

אַ יישר כח פאר אייער באַמערקונג. דער ווילעדזש איז טאַקע פאַרפליכטעט צו פאַרזיכערן רואיגע און צוגעגליכע ראָודס און אַזוי האָבן מיר טאַקע שוין געטון דורכאויס די פאַרלאָפענע צוויי יאָר, ווען דער ווינטער לאָזט נאָך, ס'הייבט אן ווערן ווארימער, און די "פעיווינג פלענטס" עפּענען זיך, דאַן קומט פאר אַ פולקאָם דרייוו-טרו מיט אַ גענויע איבערזיכט אויף אַלע ראָודס פון דעם גאַנצן ווילעדזש. יעדע 'פּאַטהאָל' און לעכל גייט אַרויף אויף אַ דעטאַלירטע ליסטע און דורכאויס די חדשים פון אַפּריל און מאי למספרם, ווערן אַלע 'פּאַטהאָלס' באַדעקט און פאַרמאַכט, אַז ס'זאָל טאַקע זיין סעיף פאר אונזערע מאָטאָריסטן.

אין צוגאָב צו אָט דעם געוועגליכן פּראָצעדור איז דאָס יאָר געסקעדזשולט צו פאַרענדיגן דעם גרויסאַרטיגן "פעווינג" פּראָיעקט ביי די ראָודס פון לעיק שאור און מעריוואלד נארט, וואָס וועט בעז"ה ערגענצט ווערן דורכאויס די קומענדיגע זומער חדשים הבעל"ט.

ביטע טעקסט צו:
845.237.4828
אייער סעל נומער

זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די
יו. זשעי. סי. טעקסט און טעלעפאן
אלערטס און אפדעיטס

# אַ באַמערקונג פון אַ איד אין וואַרשא לופטפעלד...

צו אחי ורעי, די רעדאַקציע פון דער "שטימע", הע"י.

ביטע אַריינשטעלן מיינע קורצע שורות, מיט אַ פערזענליכע אַנעקדאָט וואָס כ'האָב ממש לעצטנס מיטגעהאַלטן וואָס דוכט זיך אַז דאָס גיט אַסאַך חיזוק פאַר אונז אַלע, תושבי עירינו המעטירה.

אין די פאַרגאַנגענע וואָך בין איך געווען אונטערוועגנס מיט אַ פליגער. מיר האבן געמאַכט אַ קורצן אָפּשטעל אין דעם וואַרשא לופטפעלד און אַזוי שטייענדיג אין דעם עירפּארט, וואַרטנדיג אויף אַ קאנעקטינג פלייט, קומט צו מיר צו אַ היימישער איד פון אַן אַנדערע קרייז און אַן אַנדערע געגנט, וועמען איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן בעפאָר. דער איד פרעגט מיך: "איר זענט דער דעפּיוטי מעיאָר פון בלומינג-גראָוו ?".

וואַרשיינליך האָט ער מיך דערקענט פון די צייטונגען וועלכע לייגן אַריין בילדער פון די ווילעדזש נייעס....

ווען איך האָב אים באַשטעטיגט אַז יאָ דאָס בין איך, זאָגט מיר דער איד: "מיין השערה איז אַז די ערשטע פּלאַץ וואו משיח וועט אָנקומען וועט זיין אין אייער שטעטל, אין דעם ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג- גראָוו, ווייל דאָרט איז די איינציגע פּלאַץ וואו ס'איז דאָ אַזויפיל אחדות..."

דוכט זיך אַז אַזעלכע ווערטער געבן אונז אַ געוואַלדיגע דאָזע פון התחזקות צו ווייטער אָנגיין מיט דער עבודת הקודש און הרחבת גבולי הקדושה, אָפּגעזען פון אַלע העצערייען פון אונזערע "גוטע פריינד" וואָס זאָרגן זיך כסדר אַזוי שטאַרק פאר אונזער וואוילזיין... ואנחנו בשם ה' אלקינו נזכיר, מיט'ן כח האחדות און מיט'ן כח הרבים.

און אַז מ'האַלט שוין דעם שופר אין דער האַנט... דארף דאָ באַגריסט ווערן בשער בת רבים די הערליכע אונטערנעמונג וואָס ווערט אין די יעצטיגע טעג איינגעפעדעמט דאָ אין שטאָט און איך האָב ב"ה די זכי' צו האָבן אַ חלק דערינען, אינאיינעם מיט די אַנדערע גוטהאַרציגע אידן.

דאָס איז דער מפעל החסד "עונג שבת ויום טוב" שע"י יו. דזשעי. סי. וואָס וועט בעז"ה פאַרטיילן יעדע וואָך ברייטהאַרציגע שבת און יום טוב פּעקלעך פאר באַדערפטיגע תושבי העיר, וואָס דאָס ברענגט דאָס שענסטע אַרויס די הערליכע מדת החסד והאחדות פון אונזער שטאט אויף אַזא הערליכן פאַרנעם.

האָב איך געקלערט אַ פּאַסיגע רמז אַז דאָס וואָרט "שובע" איז ראשי תיבות ע'ונג ש'בת ו'יום טוב ב'לומינג-גראָוו... און ס'איז זיכער אַז דער גרויסער זכות וועט טאַקע משפּיע זיין אַז ס'זאָל זיין "לשובע ולא לרזון", פאר אַלע אידישע קינדערלעך.

**כעתירת וברכת,**

**אברהם משה הכהן ווייס**

**דעפּיוטי מעיאָר**

# פּראָאַקטיווע מיטינג דורך DOT קאָמיטע באַהאַנדלט אַקטועלע אַנגעלעגנהייטן פאר בעסערע און זיכערע ראָודס און סיידוואָלקס

דעם פאַרלאָפענעם דינסטאָג בא העעל"ט, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן נאָך אַ פּראגרעסיווע זיצונג דורך די אַקטיווע DOT קאמיסיע פון דעם ווילעדזש אָוו סאוט בלומינג גראָוו, אונטער די פירערשאַפט פון דעם קאמישאנער הר"ר לייב ראָזנער הי"ו טראסטי, אינאיינעם מיט הר"ר יעקב חיים כ"ץ הי"ו און הר"ר אברהם אבא גרינהוט הי"ו, וועלכע האָבן באַהאַנדלט די לעצטע אַנטוויקלונגען, זינט מען האָט ערלויבט די נייע זאָנינג קאָוד אין דעם ווילעדזש, וואָס האָט געברענגט פילע פרישע אַפּליקאַציעס פון איינוואוינער וועלכע ווילן רענאָווירן און אויסברייטערן זייערע הייזער לויט די נייע רעגולאַציעס.

ס'איז דערביי איבערגעשמועסט געוואָרן די וויזיע פון דעם DOT קאמיסיע צו אויסברייטערן אַלע ראָודס פון דעם ווילעדזש, אַז אַלע ראָודס זאלן זיין 37 פיס ברייט אין צוגאָב צו באַקוועמע סיידוואָלקס און עלעקטערישע באַלייכטונגען, וואָס וועט ערמעגליכט ווערן דורך אַ באַשטימטע אָפּצאָל פון דעוועלאָפּער וועלכע בויען הייזער אויף די גאַסן פון דעם ווילעדזש.

אַזאַ פּראָיעקט מוז געטון ווערן שטאַפּלווייז, גאס נאָך גאַס, דורך פאַרזיכערן אַז די פאָנדן ווערן טאַקע איינקאַסירט ריכטיג און יושר'דיג, און ווי נאָר ס'איז דאָ דאָס געלט פאר אַ געוויסע גאס אָדער געגנט הייבט מען אן דורכפירן די אַרבעט אין די ספּעציפישע געגנט, צו אינסטאָלירן גאַסן באַלייכטונגען און סיידוואָלקס, צו דער צופרידנהייט פון אַלעמען.

דאָס זעלבע האָט מען באהאַנדלט אַ רייע פון פּראָיעקטן וואָס ווען אונטערגענומען ווערן אין דער נאָנטער צוקונפט. אַ שטייגער ווי דאָס אויסברייטערן מענדזשין רד. און אויסגראָדן די גאס אונטן ווי עס קומט זיך צוזאם מיטן רוט 208 פארנט פון "מינטליעף" סופערמארקעט. אַזוי אויך די שריט וואָס איז אַצינד אין די ערנסטע פּלאַנירונג פאַזעס צו אויסברייטערן דעם צענטראַלן 208 רד. וואָס זאָל פאַרזיכערן אַז די טראַפיק פלוס ווערט נישט אָנגעשטרענגט אינאיינעם מיט דעם וואוקס פון דער שטאָט.

באזונדער איז אויסגעשמועסט געווארן דער אינטערסעקשאן פון מענזשין רד. און מעריוואלד לעין סאוט, וואס איז א מקום סכנה מיט א באגרעניצטע Line of sight, ווי עס ווערט פלאנירט אן אלל-וועי סטאפ סיין מיט א שפיגל פאר די דרייווער וואס קומען פון די מעריוואלד לעין סאוט ריכטונג, און ווי אויך אוועקצונעמען די Median strip פונעם אינטערסעקשאן.

# ענדגילטיגע אפּראוול באַשטעטיגט פאַר נייע פּראַכטפולע 'קלאוו סקוועער ביזנעס צענטער'

מיט צופרידנהייט ווערט אויפגענומען די מעלדונג איבער אַ פרישע גרויסע ביזנעס און אָפיס צענטער, די "קלאוו סקוועער ביזנעס צענטער" געביידע, וועלכע האָט נאָרוואָס ערהאַלטן די נויטיגע פערמיטן דורך דעם ווילעדזש פּלענינג באָורד, מיט באַלדיגע פּלענער צו אויפבויען אַ רחבות'דיגן צענטער פאר ביזנעסלייט און אָפיס אייגטומער, אין האַרץ פון דעם היימישן געגנט, אין ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראָוו.

די גרויסע געביידע, וואָס וועט געבויעט ווערן ביים ווינקל פון קלאוו רד. און דעם 208 רד. האַרט נעבן דעם בלומינג גראָוו פּלאַזאַ סטריפ מאל, וועט אַנטהאַלטן צען טויזנט ס.פ. פּער שטאָק, מיט אַ טאָטאַל פון פערציג טויזנט ס.פ. אויף די פיר לופטיגע שטאָקן, געאייגנט פאר רחבות'דיגע אָפיסעס, מיט אַ הערליכע צוקונפט פאר לאָקאַלע ביזנעסער.

די אַפּליקאַציע פאר דעם נייעם ביזנעס צענטער איז אייגנטליך געוועזן היבש קאָמפּליצירט, צוליב דעם וואָס דער פּראַפּערטי איז זייער בערגיג, און עס האָט זיך געפאָדערט צו פאַרזיכערן אַז די געביידע וועט נאָכקומען אַלע פאָרשריפטן, אַנבאַלאַנגט די אויפבוי און די הייעך פון דעם בילדונג, לויט אַלע זיכערהייט און געזעצליכע מאָסנאַמען.

דער פּראָיעקט איז צוערשט געברענגט געוואָרן צום ZBA קאָמיסיע פון דעם ווילעדזש, און נאָכדעם וואָס ס'איז נאָכגעקומען אַלע פאָרשריפטן איז געשאנקן געוואָרן די 'וועריענס', דורך דעם טשערמאַן פון דער קאָמיסיע, הר"ר יושע אלימלך ביטמאַן הי"ו. פון דאָרט איז דאָס געגאַנגען צום פּלענינג באָורד, וואָס האָט אַצינד - נאָכ'ן איבערגיין אַלע דעטאַלן מיט די אינדזשענירן און ווילעדזש שטאַב ביי אַ פּובליק הירינג - געגעבן דעם 'וועריענס', דורך דעם טשערמאַן פון דער קאָמיסיע, הר"ר שלום יודא ווייס הי"ו.




דער נייער ביזנעס צענטער טוט למעשה אויספּאָרעמען נאָך אַ פּאַסיגע טייל אין דעם הערליכן ביזנעס דיסטריקט וואָס ווערט פּאָרמירט אויף די צענטראַלע 208 רד. אָנגעהויבן פון דעם סאַוט בלומינ גראוו ביזנעס פּאַרק, האַרט אַריינקומענדיג קיין בלומינג גראוו פון דעם 17, וואָס ציעט זיך לענגאויס דעם 208 ראָוד ביז קלאוו רד. וואָס שטעלט אַראָפּ אַ וויזיע פון אַ שטאַנדהאַפטיגע און באַקוועמע ביזנעס דיסטריקט, ספּעציעל צוגעפּאַסט פאר אַלע ערליי קאָמערציאַלע געשעפטן און אָפיסעס.

דער צוקונפטיגער ביזנעס דיסטריקט פון בלומינג גראָוו וועט אַלזאָ זיין קאָנצענטרירט אויף די 208 ראָוד אַלס אַ צענטראַלע דורכפאָר - פּונקט פאַר ביזנעס און שאַפּינג. דאָס וועט גלייכצייטיג פאַרזיכערן אַז די אינערליכע רעזידענטשאַל געגנטער בלייבן באַשיידן און רואיג, אָן קיין איבערגעטריבענע טראַפּיק און טומל.

די אונטערנעמער פון דעם "קלאוו סקוועער" צענטער, וועלן אין די נאָנטע טעג אַריינגעבן די אַפּליקאַציעס פאר בילדינג פערמיטן צו אָנהויבן די פּאַקטישע בוי אַרבעט, און תושבי העיר קוקן טאַקע ארויס אויף די הצלחה פון דעם פּראָיעקט וואָס וועט געוויס זיין נאָך אַ נאָבעלע אונטערנעמונג פאר די היימישע עקאָנאָמיע פון אונזער שטאט בלומינג גראוו.

**לכו והתפרנסו זה מזה!**

**United Jewish Community of Blooming Grove**

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

דערמיט איז אונז אַ פרייד צו מיטטיילן מיט אנשי שלומינו, תושבי עירינו המעטירה, אַז אין אַ פרישע רינגעלע פון פעולות דורך די פֿאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינג גראָוו, ווערט אַצינד אַהערגעשטעלט

אַן ערשטמאָליגע

# בלומינג גראוו ביזנעס דירעקטאָרי

## אויסשליסליך פאַר לאָקאַלע ביזנעסער און סערוויסעס פון תושבי עירינו בלומינג גראוו המעטירה

וואָס וועט בעז"ה זיין אַ באַדייטנדע הילף צו מוטיגן און הייבן דעם היימישן בליענדן פרנסה מאַרקעט!

עס ווערט געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר יעדע ביזנעס, סערוויס, פירמע, און געשעפט, פון די הונדערטער לאָקאַלע איינוואוינער כן ירבו,

צו אַריינלייגן אייער נויטיגע אינפאָרמאַציע און דעטאַלן

## חנם אין כסף – געגנצליך פריי פון אָפּצאָל!

צו שטאַרקן אונזער עקאָנאָמיע, אַז שכינים וידידים זאָלן קענען זיך באַנוצן מיט "מעיד אין בלומינגראוו" פראָדוקטן און סערוויסעס!

**צו אַריינלייגן אייער פרייע אַדווערטייזמענט אין דעם בלומינג-גראָוו ביזנעס דירעקטאָרי**

שיקט אן אימעיל צו

**INFO@UJCBG.ORG**

אָדער לאָזט אַ מעסעדזש אויפ'ן נומער

**845.237.4828 #6**

לאזט איבער אייער ביזנעס נאמען, פראדוקט אדער סערוויס, לאגא, אדרעס, טעלעפאן און אימעיל אדרעס.

**געדענקט; אייער נאָמען אינעם ביכל וועט פאַרגרינגערן פאר הונדערטער תושבי העיר, צו טרעפן אייער ביזנעס ווען זיי ווילן זיך באנוצן דווקא מיט אַ שכן וידיד, פון וואס איר וועט בעז"ה הייבן אייער הכנסה פילפאכיג!**

לאָמיר "אינאיינעם באחדות" שטיצן די "אייגענע" עקאָנאָמיע, ווי ס'איז געווען די ברכת הקודש פון רבינו הקדוש זי"ע, צו "מאַכן אייגענע סאטמארע נגידים" - ובשם ה' נעשה ונצליח!

בכבוד רב

**די פֿאַראייניגטע אידישע קהלות פון בלומינג גראָוו**

United Jewish Community
UJC
Est. 2019
of Blooming Grove



## מודעה חשובה

איז אונז אַ פרייד צו מעלדן אַז די "יו. דזשעי. סי." האָט דעזיגנירט אַ קביעות'דיגע

# קאַמיוניקאַציע טעלעפאָן ליניע

**וואָס וועט דינען אַלס די שטאָטישע פּלאַטפאָרמע זיך צו דורכשמועסן און איבערלאָזן סיי וועלכע קאָמענטאַרן, באַמערקונגען, קריטיק און פאָרשלאגן, איבער אַלע אַנגעלעגנהייטן וואָס איז נוגע פאר די איינוואוינער.**

פאַרצייכנט אייך דעם נומער:

# 845-237-4828
# EXT. 311

אזוי אויך קען מען שרייבן צו:

# comments@ujcbg.org

**יעדע מעסעדזש וועט בעז"ה אויסגעהערט ווערן מיט דעם ריכטיגן ערנסטקייט, קאנפידענשל און אחריות'דיג!**

די קאָמענטאַרן וועט בעז"ה אַדרעסירט און באַהאַנדלט ווערן מיט אַ כובד ראש, צו דער צופרידנהייט פון אַלעמען!

מיר קוקן ווירקליך אַרויס צו הערן פון דעם חשוב'ן ציבור תושבי עירינו, סיי וועלכע פידבעק, הערות והארות, עצה ותושי'. אדרבה, לאָזט אייך הערן אייער מיינונג אָדער פאָרשלאגן, וחפץ השם בידינו יצליח מיט'ן כח היחיד און כח הרבים!

ובשם ה' נעשה ונצליח!

בכבוד רב

**די פאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינג גראוו**

אין איינקלאַנג מיט אונזער פּרינציפּ "שמוע בין אחיכם- ותשועה ברוב יועץ" וואָס באַגלייט די פאַראייניגטע אידישע קהלות פון בלומינג גראוו זינט איר גרינדונג, צו אָנהאַלטן אַ ברודערליכע און אָפענע קאָמוניקאַציע, פאר די געמיינזאַמע אינטערעסע פון יעדן איינציגן תושב העיר

### פריינטליכע דערמאנונג

גלייכצייטיג טוען מיר דערמאַנען פאר תושבי העיר וועלכע ווילן מיטהאַלטן אַלע אָפּדעיטס, אַנטוויקלונגען און באַריכטן פון דער "יו. דזשעי. סי." זיך צו אויפסיינען אויף דעם ספּעציעלן ליסטע פאר

## אלערט מעסעדזשעס

דורך שיקן אַ טעקסט מעסעדזש צו דעם נומער

## 845-237-4828

אדער שיקן אן אימעיל צו:

## Info@ujcbg.org

וואו איר וועט אויטאָמאַטיש אַרויפגיין אויפ'ן סיסטעם צו ווערן כסדר אינפאָרמירט מיט די וויכטיגע אָפּדעיטס פון אונזער בליענדע אידישע שטאט.

# זיצונג דורך 'ווילעדזש פאַרק קאָמיסיע' באַטאָנט וויכטיגקייט פון בויען פאַרקס פאר באַקוועמליכקייט פון קינדער געבענטשטע משפחות



דעם פאַרלאָפענעם מיטוואָך ווארא איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מיטינג דורך דעם ווילעדזש פאַרק קאָמיסיע, וואו ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן די ווייטערדיגע שריט איבער דאָס בויען און אויפשטעלן שפיל פאַרקס אויף די גאַסן פון אונזער שטאט, געאייגנט פאַר קינדער און זייערע עלטערן, איבערהויפּט אין די וואַרימע חדשים פון זומער.

ווי שוין געמאָלדן צווישן די שפאלטענעס פון דעם "שטימע" איז דורך די ווילעדזש באָורד נאָמינירט געוואָרן אַ באַזונדערע 'פאַרק קאָמיסיע', אָנגעפירט דורך געטרייען ווילעדזש טראָסטי, הר"ר אשר זאב גוטמאַן הי"ו, קאמישאנער פון דעם פאַרק קאמיסיע אינאיינעם מיט הר"ר שמעון עקשטיין הי"ו און הר"ר אורי דייטש הי"ו, וועלכע באַפאַסן זיך מיט דעם אונטערנעמונג פון בויען פרישע פאַרקס צום באַנוץ פון די שטאָט איינוואוינער.

ביי דעם זיצונג איז אָנגעוויזן געוואָרן אַז לויט די אָריגינעלע פלענער האָט מען שוין געזאָלט פאַראַיאָר בויען אַ פרישן פאַרק דאָ אין שטאָט, און ס'איז שוין פאַקטיש געווען גרייט די פאנדינג דערפאַר, אָבער צום באַדויערן זענען קיינער פון די 'ווענדארס' - וועלכע האָבן אַרייגעגעבן זייערע 'ביד' פעקעדזשעס - נישט נאָכגעקומען די נויטיגע פאַרלאַנגען פאר אַ ווילעדזש פאַרק, צ.ב.ש. די סעיפטי פאַר קינדער, ס'זאָל זיין OSHA באַשטעטיגט, און אַלע אַנדערע קאָמפליצירטע פראָצעדורן, וואָס צוליב דעם האָט מען נישט געקענט אָננעמען קיין אפפער און דאָס אָפּגעלייגט צום קומענדיגן סעזאָן.

אַצינד איז באַשטימט געוואָרן אַז מען וועט נאָכאַמאָל אַרויסשטעלן פרישע 'בידס', פאר די אויפבוי פון מערערע קלענערע פאַרקס לענגאויס דעם ווילעדזש. צוגעפאַסט פאַר יונגע קינדער, וועלכע זאלן האָבן די געלעגנהייט צו פאַרברענגען און שעפּן כוחות אויף די פרישע לופט מיט די געשמאַקע 'סטעיט אָוו די אָרט' פלעי - גראַונד עקוויפמענט, פאר זייער באַקוועמליכקייט און געשמאַק.

מען האָט דערביי דיסקוטירט די דעטאַלן, וואו די פאַרקס זאלן ווערן סטאַנציאָנירט, און וויאַזוי עס זאלן זאל אָפּערירן דער פראָצעדור פון נייע דעוועלאָפּמענטס וועלכע געבן אַראָפּ "פאַרק לאַנד" און פאָנדינג צו אויפבויען די פאַרקס, אַז דאָס געלט ווערט טאַקע ווערן איינקאַסירט און פאַרנוצט ריכטיג, פאר די תועלת פון די שטאָט איינוואוינער.

פאַר סיי וועלכע קאָמענטאַרן, באַמערקונגען אָדער הצעות אַנבאַלאַנגט די צוקונפטיגע פאַרקס אין שטאָט, קען מען זיך שטענדיג פאַרבינדן מיט די געטרייע מעמבער פון דעם 'ווילעדזש פאַרק קאָמיטע', הר"ר אשר זאב גוטמאַן הי"ו קאמישאנער, הר"ר שמעון עקשטיין הי"ו, הר"ר אורי דייטש הי"ו, וואָס וועלן נעמען אַלע באַמערקונגען ערנסט אין באַטראַכט, ובשם ה' נעשה ונצליח.

**יְלָדִים וִילָדוֹת מְשַׂחֲקִים בִּרְחֹבֹתֶיהָ!**




WASHINGTONVILLE CENTRAL SCHOOL DISTRICT

APPLICATION FOR TRANSPORTATION
Based Upon Section 3635 of the Education Law for Transportation
Requests for Transportation Must Be Made **BY APRIL 1, 2022**

I HEREBY REQUEST TRANSPORTATION FOR THE 2022/2023 SCHOOL YEAR FOR MY CHILD NAMED BELOW:
ALLOW (5) FIVE DAYS FOR PROCESSING

Name of Pupil______ DOB______ SEX______
Ethnicity ____White *(non-Hispanic)* ____Black *(non-Hispanic)* ____Hispanic ____Asian *(Pacific Islander)* ____American Indian *(Alaskan Native)*
Street Address ______
*(Or actual location of residence/closest intersection)*
Names of Parents/Guardians ______
Mailing Address______
Home #______ Work #______
Cell #______ E-Mail______
Emergency Contact: Name______ Phone______
School Attended 2021-2022______

**PROOF OF RESIDENCY REQUIRED – TAX BILL/UTILITY BILL or LEASE AGREEMENT**

**NAME of SCHOOL** (PRIVATE/PAROCHIAL) to which **TRANSPORTATION IS REQUESTED** for **2022-2023**
SCHOOL______GRADE______
ADDRESS______

______ DATE ______ SIGNATURE OF PARENT/GUARDIAN

CHILDREN ENTERING KINDERGARTEN, MUST BE FIVE YEARS of AGE by DECEMBER 1st

DOCUMENTS NEEDED by APRIL 1, 2022

- ✓ BIRTH CERTIFICATE needed for NEW STUDENTS and KINDERGARTENERS
- ✓ PROOF of RESIDENCY needed *(such as Lease, Utility Bill, Pay Stub, Photo ID)*

Return form and documents by **APRIL 1, 2022** to

**OFFICE of CENTRAL REGISTRATION**
**52 West Main Street**
**Washingtonville, NY 10992**

USE A SEPARATE FORM FOR EACH CHILD
*Forms will not be accepted without proof of residency*

# וויכטיגע טראַנספּאָרטאַציע מעלדונג

אריינטערענדיג אין דעם רעגיסטראַציע סעזאָן פאר דעם קומענדיגן סקול יאָר פון 24׳ למספרם

אַזוי ווי אין די פאַרלאָפענע יאָרן טוט די ״יו. דזשעי. סי״. פאַרזיכערן אַז אַלע עקזיסטירנדע תלמידים און תלמידות, פון אלע דריי מוסדות התורה אין קרית יואל, ווערן פולקאָם רעגיסטרירט און איינגעשריבן דורך אונז, צו געניסן פון די סקול דיסטריקט טראַנספּאָרטאַציע

**די איינציגסטע אחריות וואָס איז געבליבן אויף די חשובע עלטערן שיחי׳, איז צו רעגיסטרירן די יונגערע קינדער פון קינדערגאַרטן און פרי-1עי׳, וואָס זענען נאָכנישט געווען פאַראיאָר אין דעם סקול סיסטעם**

דעריבער, אויב האָט איר אַ קינד אין די מוסדות,

## וואָס וועט זיין פינף יאָר אַלט דעם קומענדיגן דעצעמבער 31 למספרם

**ביטע פילט יעצט אויס אן אַפּליקאַציע, כדי צו ערהאַלטן די פרייע טראַנספּאָרטאַציע אויפן קומענדיגן שולע יאָר**

דער דעדליין צו אַריינשיקן אן אַפּליקאַציע איז דעם קומענדיגן אַפּריל 1 למספרם. ביטע, פאַרמיידט אייך עגמת נפש און לייגט עס נישט אָפּ!

**פאר אַלע אָנפראַגעס אַנבאַלאַנגט די אַפּליקאַציע פּראָצעדור פאַרבינדט זיך מיט דער סקול דיסטריקט רעגיסטראציע אפיס 845.497.4000 - עקסטענשאָן: 27041**

עס איז דא צובאקומען טראנספארטאציע אפליקאציעס דורכאויס דעם טאג אין די UJC אפיס

מיר שטייען גרייט אייך צו ענטפערן און אַרויסהעלפן מיט אַלע אַנגעלעגנהייטן

**שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך! ובשם ה׳ נעשה ונצליח!**

# ערשטע שפּאָגל נייע שאַטל באַס אָנגעקומען אין ווילעדזש גרעניצן




דעם פאַרלאָפּענעם זונטאָג תרומה איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד די גינסטיגע נייעס אַז ס'איז בשעה טובה ומצלחת אָנגעקומען אין שטאָט, די ערשטע שפּאָגל נייע באָס, וואָס וועט געטריי באַדינען די איינוואוינער, אינערהאַלב די ווילעדזש שאָטל סערוויס, וואָס וועט אָנהויבן אָפּערירן אין שוואונג אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט.

אַצינד איז שוין אָנגעקומען די ערשטע באָס, און אויך די קומענדיגע באָס איז ערוואַרטעט אָנצוקומען ביז געציילטע טעג.

די ווילעדזש שטאַב טוט אין די יעצטיגע טעג אויסשטאָפּירן די באָסעס מיט אַלע נויטיגע באַקוועמליכקייט, מבית ומבחוץ, און מיט די פּעימענט מאַשינען, וכו. באַזונדער ווערט אַריינגעלייגט אַסאַך מחשבה צו פאַרענדיגן און אַראַנדזשירן די סקעדזשולס צו די צוגענגליכקייט און פּראַקטישע באַנוץ פון אַלע איינוואוינער.

אין אַ באַזונדערע מעלדונג וואָס ווערט פארעפענטליכט אין די טעג, טוט די ווילעדזש זיך ווענדן צו תושבי עירינו המעטירה - די צוקונפטיגע שאָטל באַנוצער, אַז די איינוואוינער זאלן לאָזן הערן זייער מיינונגען און פערספעקטיוו, אַנבאַלאַנגט דעם סקעדזשול און אַנדערע שאָטל אַנגעלעגנהייטן, צו פאַרזיכערן אַז דער סערוויס וועט טאַקע דינען צו אַלעמענס פולקאָמע צופרידנהייט.

מען קוקט אַרויס אַז דער "ווילעדזש שאָטל" וועט בעז"ה שוין אָנהויבן פולשטענדיג פונקציאָנירן אין געציילטע וואָכן, לקראת דעם פרייליכן ימים טובים סעזאָן, הבאים לקראתינו לשלום. ובשם ה' נעשה ונצליח.

# כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א ווײַלט אויף שבת קודש מברכים שבט בקרב תלמידי ישיבתו אין דער שטאָט בלומינג גראָוו

די צענדליגער בחורי חמד, תלמידי ישיבה תורת צבי ד'ספינקא, בתוככי עירינו המעטירה, האָבן דעם פאַרלאָפענעם שב"ק וארא העעל"ט, שבת מברכים שבט, געהאַט די זכי' צו מיטלעבן אַ געהויבענעם לעכטיגן שב"ק בצלו פון רבם ומאורם, כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי דספינקא שליט"א, וועלכער איז ספעציעל געקומען צו פאָרן לעשות את השבת בקרב תלמידיו אין דער היכל הישיבה.





דער ספינקער רבי שליט"א איז ערשינען אין ישיבה פרייטאָג ערב שב"ק, וואו די טייערע תלמידי הישיבה זענען געזיצן און געלערנט אַלס אַ הכנה דרבה צום גרויסן שבת. ווירקליך איז דער גאַנצער סידורו של שבת, מיט די געהויבענע תפלות ועריכת השלחנות בצל הקודש, פאַראיבער אַלס אַ חטיבה אחת פון התרוממות הנפש מבואו ועד צאתו, ווען ס'האָט זיך געשפירט ביי אַלעמען דער "כל מקדש שביעי כראוי לו" מיט'ן הייליגן ספינקער נועם קדושת השב"ק.

דער הויכפונקט פון דעם שב"ק איז געווען במוצאי יום מנוחה ווען ס'איז געפראַוועט געוואָרן דער גרויסאַרטיגער מסיבת מלוה מלכה נהדרה, לרגל דעם פריידיגן מאָמענט ווען מען האָט זוכה געווען לברך על המוגמר און מחנך זיין די מקוה מפוארה אין דעם בנין הישיבה.

ביי דעם הערליכן מסיבת מלוה מלכה האָבן זיך באַטייליגט אַ שיינער ציבור תלמידים וחסידים, רבנן ותלמידיהון, וואו מען האָט האט געהערט דעם דבר הישיבה דורך דעם ראש הישיבה, פה מפיק מרגליות הרב מרדכי הערש שפיצער שליט"א, און כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א האָט משמיע געווען ברכות קודש, אַרויסברענגענדיג די געוואַלדיגע קורת רוח לטובה ביים צוזען אַזאַ וואונדערליכע הרבצת התורה פון דער ישיבה הק' וואָס שטראַלט און שמ'ט אַלס אַ פנת יקרת אין אונזער הייליגע שטאט בלומינג גראָוו. ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה!

דער לעכטיגער שבת בצל קודש פונעם רבי'ן שליט"א וועט פארבלייבן לאַנג איינגעקריצט בטעם העליון ביי די תלמידי הישיבה וועלכע האָבן געהאַט די זכי' דאָס צו מיטלעבן ולהתחמם לאורו, וואָס די שפע קודש וועט געוויס אָנהאַלטן לימים רבים.

# פולקאָם פאַרענדיגט ענדגילטיגע שטאַפּל פון אינסטאַלירן "טראַפיק לייט" סיגנאַל ביי צענטראַלע "מאַונטען - 208" אינטערסעקשאָן

## סאָפיסטיקירטע טעכנאָלאָגישע 'סענסאר' וועט קאָנטראָלירן אַ לייכטע טראַפיק פלוס מיט מאַקסימאַלסטע זיכערהייט אויף די פאַרנומענע אינטערסעקשאָן

די טויזנטער רייזנדע מאָטאָריסטן אויף דעם רוישיגן 208 רד. האָבן דעם פאַרלאָפענעם מיטוואָך משפטים העעל"ט דינסטאג באַגריסט מיט צופרידנהייט, ווען אין אַ מזל'דיגע שעה איז דורכגעפירט געוואָרן די לעצטע און ענדגילטיגע שטאַפּל ביים אינסטאַלירן די וויכטיגע "טראַפיק ליכט" סיגנאַל ביי דעם אינטערסעקשאָן וואו דער 208 רט. גרעניצט זיך מיט מאונטען רד. אַ שריט וואָס וועט גענצליך טוישן דעם פאַרנומענעם ווינקל צום גוטן.

ס'איז שוין עטליכע חדשים פאַראיבער זינט די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע האָט אינסטאַלירט דעם לאַנג - ערוואַרטעטן טראַפיק סיגנאַל ביי דעם ווינקל, וואָס איז געווען אַ פאַרצווייגטע און קאָסטבאַרע פראָיעקט אונטערגענומען אויף די ווילעדזש קאסטן און טערמינען, אַז דער פראָצעדור זאָל נישט דאַרפן זיין אָנגעוויזן אויף די פאַרצויגענע ביוראָקראַטיע פון דרויסנדיגע אַגענטורן.

בלויז אין די קורצע צייט וואָס דער טראַפיק סיגנאַל איז אין אַפעקט זעט מען שוין ב"ה די גינסטיגע רעזולטאַטן, מיט אַסאַך מער רואיגקייט אויפ'ן ראָוד, ווינציגער עקסידענטן און כמעט-עקסידענטן, און אַ נייע עפּאָכע פאר די טויזנטער דרייווער וועלכע האָבן שוין אַזוי אַרויסגעקוקט דערויף.

אַצינד איז געקומען צום שלוס דער פראָיעקט, ווען די סטעיט DOT האָט ענדליך באַקומען די נויטיגע טיילן צו ערגענצן דעם סיסטעם, דורך צולייגן אַ סאָפיסטיקירטע טעכנאָלאָגישע 'סענסאר', וואָס וועט אויפכאַפּן ווען קאַרס קומען אַראָפּ פון מאַונטען רד. אין ריכטונג פון דעם 208 רד. און וועט לויט דעם טוישן דעם טראַפיק סיגאנל.

דער סיסטעם וועט ערמעגליכן אַז ווילאַנג עס קומען נישט אַראָפּ קיין קאַרס פונעם בארג וועט די ליכט בלייבן אנגעצינדן גרין אויף ביידע זייטן פונעם 208. הערשט ווען אַ וויהיקעל וועט קומען צופאָרן וועט זיך די סיגנאַל טוישן, צו אַריבערלאָזן די אָנקומענדע טראַפיק פון מאַונטען רד. דאָס וועט ערמעגליכן אַז די פלוס פון דעם טראַפיק זאל פאָרן מיט די מאקסימאלע שנעלקייט, און עס זאָל זיין וואָס ווייניגער אָנגעשטויסן אויפ'ן ראָוד, צו דער צופרידנהייט פון מאָטאָריסטן.

דערמיט איז ב"ה געקומען צום שלוס די לאַנגיעריגע און וויכטיגע אינטערוועניץ דורך די שליחי הציבור, וועלכע האָבן בעז"ה באַוויזן צו אַהערשטעלן און פאַרענדיגן דעם גאַנצן פראָיעקט מיט אַזאַ געניטע סוקסעס.

די תועלת פון דעם שריט וועט נאָכמער קומען צום אויבערפלאַך אין דער נאָנטער צוקונפט ווען דער געגנט וועט בעז"ה זיין אַ מעגאַ - צענטער פון היימישע ביזנעס, שאַפּינג און דירות פראָיעקטן פאַר'ן געברויך פון די טויזנטער תושבי העיר. אַזאַ שריט פון אַהערשטעלן די סאָפיסטיקירטע פונקציעס פאר דעם טראַפיק ליכט איז דעריבער אַ גאָר געבענטשטע אַנטוויקלונג פאַר'ן עתיד פון דער גאַנצער אומגעגנט.

**כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בבל דרכך!**





# ברכת מזל טוב

## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

הגה"צ ר' **יצחק מרדכי מייזעלס** שליט"א
**אבד"ק מאורות נתן ראדאוויץ**
**לרגל אירוסי ונישואי נכדתו למז"ט**

הגה"צ ר' **מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
**דומ"ץ קיט"ל סאטמאר בלומינג גראוו**
**לרגל הולדת נכדתו למז"ט**

ר' **אברהם יעקב מאשקאוויטש** הי"ו
**לרגל אירוסי נכדתו למז"ט**

ר' **שמעון גערטנער** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו למז"ט**

ר' **יצחק אייזיק מערמעלשטיין** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו למז"ט**

ר' **שלמה הערש עקשטיין** ז"ל
**לרגל נישואי בנו למז"ט**

ר' **ברוך שטעסל** הי"ו
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

ר' **אלי' לאנדא** הי"ו
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

ר' **אלעזר הלוי גרובער** הי"ו
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

הרב **אהרן שלמה מארגענשטערן** הי"ו
**לרגל אירוסי בנו למז"ט**

ר' **עמרם נתן פעלבערבוים** הי"ו
**לרגל אירוסי בנו למז"ט**

ר' **שלמה נטע מארקאוויטש** הי"ו
**לרגל אירוסי בנו למז"ט**

ר' **יואל יקיר פריעדמאן** הי"ו
**לרגל אירוסי בתו למז"ט**

ר' **יוסף גאטהעלער** הי"ו
**לרגל אירוסי בתו למז"ט**

ר' **שלמה יודא אייזנר**... 

ר' **יצחק האללענדער** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

ר' **שמחה ישראל אפפעל** הי"ו
**לרגל הולדת בתו למז"ט**

ר' **ישעי'** בר"מ **הירש** הי"ו
**לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ למז"ט**

ר' **יואל אבערלענדער** נ"י
**לרגל תגלחת בנו למז"ט**

ר' **ברוך דוד סאמעט** נ"י
**לרגל תגלחת בנו למז"ט**

יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה
מתוך הרחבת הדעת

## ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ
אנ"ש לרגל בואם
להשתקע בעירינו

ר' **שמואל באלבאן** הי"ו
ב"ר **יוסף חיים** • חתן ר' **חיים מאיר לוריא**

ר' **שמעון ניימאן** הי"ו
ב"ר **יצחק אייזיק** • חתן ר' **יוסף האס**

ר' **יואל הירש** הי"ו
ב"ר **יודא** • חתן ר' **אליעזר האכהייזער**

ר' **יצחק מאיר בראווער** הי"ו
ב"ר **שמעון משה** • חתן ר' **נטע קויפמאן**

ר' **יוסף חיים הורוויץ** הי"ו

ר' **אברהם בנימין שפירא** הי"ו
ב"ר **אליעזר צבי** • חתן ר' **מנשה**
**ראזנבערג** הי"ו - ירושלים

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות, און
נייע אידישע הויז אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר
האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה




**BG shtima**
P. O. Box 808
Monroe NY 10949